## קאַפּיטל איינס

# ווער וואָלט עס געגלויבט?

מי האמין לשמעתנו — ווער וואָלט גע־
גלייבט וואָס מיר האָבן געהערט?
(ישעיה נ"ג, א)

אין דריי טעג אַרום פֿאָר איך אַפּ קיין... איך ווייס נישט צי איך פֿאָר קיין ארץ־ישׂראל, אָדער קיין מדינת ישׂראל.

איך, אַ ניו־יאָרקער תּושב, האָב געלעבט אין ארץ־ישׂראל די ערשטע פּופֿצן יאָר פֿון מיין לעבן. געבוירן בין איך געבוירן געוואָרן אין אַ קליין ליטוויש שטעטל און דאָרטן טאַקע געוווינט. אָבער לעבן האָב איך געלעבט, ווי אַלע יידי־שע קינדער, אין ארץ־ישׂראל. אַ תּושב בין איך דאָרטן געווען. איך בין געווען איינער פֿון די יידן פֿון יהודה און יעדער באַרג, יעדער טאָל איז מיר געווען באַ־קאַנט, נאָענט און טייער.

אַוודאי האָב איך צונויפֿגעמישט דורות מיט דורות. די געצעלטן פֿון די אבות — אברהם, יצחק און יעקב — זענען געשטאַנען האַרט לעבן דעם העל־פֿאַנט־ביין פּאַלאַץ. וואָס אחאב האָט אויפֿגעבויט אין שומרון... בית־אל, באר־שבע, לוד, חברון און יבנה זענען ביי מיר געווען איין שטאָט. יצחק האָט זיך געקריגט מיט אבימלכן וועגן די ברונעמער אין איין עק שטאָט, און רבי עקיבא האָט געלערנט תּורה מיט זיינע פֿיר און צוואַנציק טויזנט תּלמידים אין דעם אַנ־דערן עק שטאָט.

אָבער איך האָב געקענט פּערזענלעך אברהם אבינון און די מוטער שׂרה; איך האָב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן ווי יעקב אבינו האָט באַגעגנט צום ערשטן מאָל די שיינע יונגע מוטער רחל. איך האָב גערעדט פּה אל פּה מיט רבי יוחנן בן־זכאי, געוווּסט וואָס פֿאַר אַ קאָליר באָרד עס האָט געהאַט רבי יהושוע בן חנניה; און דעם מסדר פֿון משנה, רבי הקדוש, וואָלט איך דערקענט, ווען איך זע אים שפּאַצירן אין גאַס.

ווען דער ערשטער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן בין איך פאַרטריבן גע־וואָרן מיט די גולים. איך געדענק, ווי עס וואָלט געווען נעכטן: ירמיהון גייט געשמידט אין קייטן. אויף די פּלייצעס איז ביי אים געלעגן איינגעשנורעוועט אַ קליין פּעקעלע, געוויקלט אין עגיפּטישן פּאַפּירוס, — דאָס האָט ער געטראָגן פאַרשריבענע מגילות: די חמשה חומשי תורה און די רייד פון ישעיהן, עמוסן און הושען. אָט ווי איצט זע איך ווי די גולים זענען צוגעפאַלן מיט געוויין און געבעטן צו מוטער רחלס קבר. אין מיינע אויערן קלינגט נאָך איצט דאָס קול פון ירמיהון, ווי ער טרייסט די יידן און זאָגט צו זיי, אַז די מאַמע רחל בעט פאַר זיי, און אַז גאָט האָט זיך צוגעהערט צו איר געבעט:

— אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
פאַרמייד דיין קול פון געוויין,
און דיינע אויגן פון טרערן.
דיין מיען זיך פאַר דיינע קינדער וועט באַלוינט ווערן.
זיי וועלן זיך אומקערן פון שונאס לאַנד.
ס'איז פאַראַן אַ האָפענונג פאַר די פאַרבליבענע:
זיי וועלן זיך אומקערן צו די גרענעצן פון זייער לאַנד.
און די גולים האָבן זיך אומגעקערט,
און איך האָב זיך אומגעקערט מיט זיי פון בבל.

חדשים לאַנג האָבן מיר זיך געשלעפּט. איך געדענק קלאָר: ווי מיר זענען צוגעקומען צו די גרענעצן פון ארץ־ישראל האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. אַ הויכער מאַן, אָנגעטון אין פּערסישע מיליטער־קליידער, האָט אויסגערופן:

— יידן, זייט גרייט! אָט טרעטן מיר אַריבער די גרענעץ פון דעם הייליקן לאַנד! מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג. אַ קליין דאַר יידעלע מיט אַ שניי־ווייסער באָרד און טונקעלע האָר האָט אויסגעזונגען מיט אַ מאָדנער הויכער שטים:

— אַז גאָט קערט אום די געפאַנגענשאַפט פון ציון,
זענען מיר דאָך ווי אין חלום...
גרויסע זאַכן האָט ער געטון מיט אונדז!
גרויסע זאַכן האָט ער געטון מיט אונדז!

זיס און מעלאָדיש איז געווען דער ניגון. דאָס געזאַנג איז אויפגעכאַפּט גע־וואָרן פריער פון איינצלנע, און באַלד כמעט פון דער גאַנצער מחנה.

אָבער לעבן מיר איז געזעסן אַן אַלטער ייד און געבורטשעט:

— גרויסע זאַכן! וואָס פאַר אַ גרויסע זאַכן? גאָט אַליין האָט דאָך אונדז

געדאַרפט אויסלייזן, און זעט: מיר זענען דאָ מיט דעם חסד פון א גוי, א געצן-דינער — כורש, אַן ערל!

אָבער די שטימען פון די אומצופרידענע זענען געווען בלויז פון געציילטע אַלטע לייט. אַלע זענען געווען ווי באַטרונקענע: מיר קומען צוריק אויפצושטעלן גאָטס קעניגרייך. מקוים וועלן ווערן די אַלע הבטחות פון ירמיהון און יחזקאלן, און די רייד פון דעם נייעם גלות-נביא, דעם גרויסן טרייסטער, וועלן פאַרווירקלעכט ווערן...

פאַר איך איצט זען דאָס לאַנד. היינטיקס מאָל האָב איך נישט זוכה געווען צו זיין פון די יסוד-המעלה. דריי מאָל בין איך געווען איינער פון די עולים. עפּעס ווי דורך א חלום געדענק איך די עליה מיט אברהם אבינון. איך בין געווען איינער פון די חניכים. ס'איז געווען אזוי לאַנג צוריק, אַז עס איז געבליבן אין זכרון ניט מער ווי א שאָטן פון א זכר. עפּעס מער געדענק איך פון דער עליה מיט יהושוען. גאַר קלאָר געדענק איך דעם יסוד-המעלה, די עליה פון בבל מיט עזראן. איך האָב באַשיינפּערלעך געזען די קדושה, מיט וועלכער יידן זענען געקומען פון גלות. איך בין געווען אַן עדות, ווי זיי האָבן פאַרלאָזט זייער האָב און גוטס. גיטער און כבוד האָבן זיי איבערגעלאָזט אין גלות און אוועק בויען גאָטס קעניגרייך.

א קורצע צייט זענען יידן געווען אין גלות, אָבער אין דער קורצער צייט האָבן זיי טיילן פון דער פרעמדער קולטור געמאַכט פאַר אייגנס. זיי האָבן געקאָנט עברית, אָבער גערעדט האָבן זיי אַראַמייאיש און געשריבן עברית מיט אַראַמייאישע אותיות. זיי האָבן געקאָנט עברית, ווייל גאָטס וואָרט איז דאָך געזאָגט געוואָרן אויף דעם לשון. אָבער זיי האָבן זיך נישט געאיילט אַרויסצורייסן די פרעמדע צונג, וואָס איז געוואָרן אייגנס. דער עיקר איז דאָך געווען גאָטס קעניגרייך, וואָס איז אויסגעטרוימט געוואָרן אין בבל. ווען מען וועט עטאַבלירן די מלוכה פון קדושה, וועט מען דעמאָלט זען וואָס עס זאָל ווערן פון דעם פרעמדן גייסטיקן פאַרמעגן, וואָס איז געוואָרן אייגנס. דערווייל האָט מען גאָרנישט אַרויסגעוואָרפן.

איצט פאָר איך זען דאָס לאַנד. וואָס וועל איך דאָרטן טרעפן? ארץ-ישראל, זואָס איז המשך, צי בלויז ישראל, וואָס איז בלויז מדינה? וועל איך דאָרטן זען א נייע עליה, א צוגאָב צו יענע דריי עליות, צי בלויז נאָך א מלוכה? זענען די נייע עולים געקומען עטאַבלירן א ניי גאָטס קעניגרייך, אָדער זיי זענען געקומען קיין ארץ-ישראל, ווייל זיי האָבן מער נישט געוואָלט זיין קיין אויסנאַמס-פאָלק?

ווייל זיי זענען מיד געוואָרן פון טראָגן דעם יאָך און ווילן ווערן אַ פֿאָלק ווי אַלע אַנדערע פֿעלקער?

מיין האַרץ ציטערט אין מיר. ווער איך דאָרטן געפינען דעם גייסט פון א. ד. גאָרדאָן, וואָס האָט געהאַט דעם מוט איבערצוברעכן זיין אייגן לעבן, און געוואָלט באַנייען די אַלטע יידישקייט; וואָס האָט פֿאַרוואַנדלט אַרבעט אין קדושה, און קדושה האָט ער פֿאַרוואַנדלט אין טאָג־טעגלעכקייט? אָדער איך וועל געפינען דעם נייעם יידן, וואָס האָט זיך אָנגעליטן פון דער גוֹיישער ביקס און געקראָגן אַ ביקס אין האַנט, און וויל לערנען בלק מיט דעם גוי?

איך ווייס נישט, איך ווייס נישט.

**
*

איך פֿאָר. איך פֿלי. עס געפֿעלט מיר נישט דער גאַנצער ענין פון פֿאָרן מיט אַן עראָפּלאַן. איר גייט אַריין, איר זעצט זיך אַוועק, און מען פֿאַרהאַקט די טיר הינטער אייך. איר זיצט און איר פֿליט. נישט מע זעט עפּעס, נישט מען הערט עפּעס, חוץ דאָס זשומען פון מאָטאָר.

דער עראָפּלאַן איז געווען אַ גרויסער, אָבער מען האָט אים אַזוי אָנגעפּאַקט, אַז מען קאָן זיך קיין ריר **נישט טאָן.** שווער איז צו כאַפּן אַ שמועס מיט די מיטפֿאָרערס. כאַפּן אַ שטיקל שפּאַציר איז נאָך שווערער. דאָס ווענטל פון שכנישן זיץ־פּלאַץ שפּאַרט אייך אין די אויגן, און מען פּרוווט לייענען אָדער כאַפּן אַ דרימל. אַ גליק וואָס די רייזע געדויערט נישט צו לאַנג — אין גאַנצן אַ זעקס און דרייסיק שעה פֿלי־צייט.

מיר זענען אַרויסגעפֿאָרן פון רוים פֿיר פֿאַרטאָג. אין זעקס שעה אַרום וועלן מיר זיין אין מדינת ישראל. קיינער האָט מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. אַ מאָדנע אומרואיקייט איז אַלעמען באַפֿאַלן.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צו ארץ־ישראל. פון לעצטן זיץ־פּלאַץ האָט זיך אָנגעהויבן אַ געזאַנג. באַלד האָט דער גאַנצער עראָפּלאַן געזונגען. מיטאַמאָל, האָט אַ ייד אָנגעהויבן לייענען פּסוקים פון ישעיה:

הייב אויף דיינע אויגן און קוק זיך אַרום:
אַלע האָבן זיך צונויפֿגעקליבן.
דיינע זין קומען פון דער ווייט,
און דיינע קליינע קינדער ווערן געטראָגן אויף די הענט.
וואָס זענען דאָס פֿאַר שיפֿן, וואָס פֿליען ווי וואָלקנס,
און ווי טויבן, וואָס פֿליען צו זייערע שטייגן?

איך האָב פֿאַרמאַכט די אויגן, און מיין האַרץ האָט זיך געוואָרפֿן: די פּסוקים זענען דאָך געזאָגט געוואָרן אויף אונדז, אויף אונדז, וואָס פֿליען איצט קיין

מדינת־ישראל! אין עראָפּלאַן זיצן יידן פון אַלע עקן פון דער וועלט: יידן פון אייראָפּע, פון אַלע אַמעריקעס; ס׳איז דאָ אַ ייד אַזש פון באָגאָטאַ, בריטיש קאָלומביע.

אַ ייד טענהט מיט תרעומות:

— איר לייענט נישט די פּסוקים ריכטיק. דאָרטן שטייט נישט דאָס וואָרט: שיפן.

דער לייענער ענטפערט אים:

— קוקט נאָך די מפרשים. דאָס איז דער ריכטיקער טייטש.

און איך האַלט נאָך אַלץ מיינע אויגן פאַרמאַכט און זע באַשיינפערלעך, אַז דער נביא האָט עס געמיינט אונדז: דער עראָפּלאַן פליט ווי אַ וואָלקן; קליינע קינדער זיצן אויף טאַטע־מאַמעס הענט; אַ ליכטיק יינגעלע, מיטן נאָמען יואל, פּאַטשט מיט די הענטלעך: „באַלד, באַלד וועלן מיר זיין אין ירושלים!"

עס זעט זיך לאַנד! פאַרוואָס ציען זיך אַזוי לאַנג די מינוטן? פאַרוואָס נעמט אַזוי לאַנג דאָס אַראָפּלאָזן זיך? וואָס זיצט דאָרטן דער פּילאָט אַזוי רואיק?

יאָ, דער עראָפּלאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט! די טיר האָט זיך געעפנט. מיר זענען אַרויס.

צוויי באַאַמטע, אָנגעטון אין מיליטערישע קליידער, האָבן אונדז באַגריסט:

— שלום, יהודים, ברוכים הבאים!

איך הייב אויף מיינע אויגן. די בלוי־ווייסע פאָן פלאַטערט איבער דעם פלי־פעלד. אויף די אַרבל ביי די מיליטער־לייט שטייט אָנגעשריבן: משטרה צבאית — מיליטערישע פּאָליציי.

יאָ, ס׳איז אַן אמת! ס׳איז טאַקע אַ יידישע מדינה! די פיר רבנים פון אונ־דזער גרופּע האָבן געמאַכט שהחינו בשם ומלכות. מיך האָט פאַרדראָסן, וואָס איך האָב שוין אַזוי פיל יאָרן נישט געדאַוונט.

עס וואַרטן אויף אונדז קרובים. זיי פאָכען צו אונדז. מיר פאָכען צוריק מיט טיכעלעך. עס הערן זיך אויסגעשרייען:

— יאַנקל! דוד! שלמה!

מיר הייבן זיך אָן שטופּן צום אָפּגעצאַמטן אָרט. פיר פּאָליציי־לייט פאַר־שטעלן אונדז דעם וועג. דער פּאָליציאַנט מיט די שטרייפן אויפן אַרבל זאָגט גוטמוטיק אויף אַ ליטווישן יידיש:

— יידן, סטופּט זיך ניט! ס׳וועט אייך ניט העלפן! די קרובים וועלן מוזן בלייבן סטיין און וואַרטן.

מע פירט אונדז צו רעווידירן די פּאַספּאָרטן. פאַראַן צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס רעדן אַ פיינעם העברעאיש. די באַאַמטע ענטפערן אויף העברעאיש. איך רעד

צו זיי יידיש. מען ענטפערט מיר אויף יידיש. דאָס לשון איז אין זייער מויל נאַ־טירלעך, אָן אָנשטעל.

די באַאַמטע זענען נישט שטרענג. נישטאָ קיין זכר פון „קאזנא". ס'איז נישט קיין העפלעכע געשוילטע באַמיאונג פון גוט־טרענירטע באַאַמטע. ס'איז דאָס אויפפירן זיך פון היימישע אייגענע מענטשן.

גאַר אינטערעסאַנט איז געווען, ווען ס'איז געקומען צום אָפּצאָל. מיין פרוי און איך האָבן אויסגעלייגט אויף דעם לאַנגן טיש אונדזערע זיבן וואַליזעס. אַ שמייכלענדיקער, גוטמוטיקער יונגערמאַן האָט אָפּנהאַרציק געפרעגט:

— פירט איר זאַכן, וואָס ס'קומט פאַר זיי אַן אָפּצאָל?

איך האָב געענטפערט:

— איך האָב געבראַכט טאַבאַק, איך בין אַ שווערער רויכערער, און זיל־בערנע גאָפּל־מעסער — אַ מתנה מיין שוועגערין און ברודער.

— פאַר אַזעלכע זאַכן איז דאָ אַ הויכער אָפּצאָל.

— מילא — האָב איך געענטפערט — וועט זיך מיר לוינען באַצאָלן, וועל איך באַצאָלן, אַניט וועל איך עס אייך איבערלאָזן.

איך האָב אַרויסגענומען דעם טאַבאַק און גאָפּל־מעסער. ער האָט באַקוקט מיין טאַבאַק.

— אַ שאַכטל ציגאַרן און צוויי פונט טאַבאַק. נו, און ווו זענען אייערע ליולקעס?

איך האָב פאַרשטאַנען די קאַפּוליער אָנצוהערעניש. איך האָב אַרויסגענו־מען מיינע צוויי ליולקעס. ער האָט זיי באַטראַכט און געזאָגט:

— פיינע ליולקעס! איר מעגט דעם טאַבאַק מיטנעמען, אָבער וועגן דעם זילבער דאַרף איך זיך מישב זיין.

ער האָט צוגערופן אַ העכערן באַאַמטן. יענער האָט באַטראַכט דאָס זילבער און געזאָגט:

— זייער פיין! איר האָט גענומען אייער אייגענעם גאַנג זילבער און גע־בראַכט דעם ברודער אַ מתנה. זייער אַ פיינע מתנה! הלוואי האָב איך אַזאַ ברו־דער! גייט און זאָל ער עס נוצן געזונטערהייט!

מיט בייטן געלט איז צוגעגאַנגען שווערלעך. דאָס צימערל איז געווען ענג, דאָס טישל — קליין און שמאָל. בלויז איינער איז געזעסן און האָט גערעכנט. דער עולם האָט זיך געוויצלט:

— די ישראל־רעגירונג האָט געמעגט האָבן איר באַנק נישט אין קיין היל־צערנעם קעסטל.

דער באַאַמטער האָט גענומען ערנסט דאָס וויצלען זיך און געענטפערט מיט האַרץ:

— קומט איבעראַיאַר, וועט איר זען ווו אונדזער באַנק וועט זיין. מיר וועלן זיין צעשפּרייט איבער פיר צימערן און מיר וועלן פאַר אייך האָבן ווייכע „קרעסלעס" (שטולן). מיידלעך וועלן קלאַפּן אויף שרייב־מאַשינקעס, און אַ גרויסע חשבון־מאַשין וועט שטיין אין מיטן צימער. וואָס מיינט איר, מיר וועלן בלייבן אַט אין דעם לאָך?

— אמן! — האָבן אַלע געענטפערט.

מיין ברודער האָט געוואַרט אויף אונדז מיט אַ טאַקסי. מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט צו פאָרן קיין רעננה. מיין ברודער האָט גערעדט צו מיר. איך האָב ניט געהערט. מיין שוועגערין האָט, דאַכט זיך מיר, געוויינט: ענדלעך געקומען נאָך אַזוי פיל יאָרן וואַרטעניש! איך האָב אָבער געהערט נאָר מיט אַ שפּיץ אויער. אין די אויערן האָט נאָך אַלץ געקלונגען:

— שלום, יהודים, ברוכים הבאים!

איך האָב אַלץ נאָך געזען פאַר זיך די יידיש־ריידנדיקע באַאַמטע.

— מיר זענען אין יידן־לאַנד, אין יידן־לאַנד! — האָט אין מיר געשריגן — דו ביסט געקומען און זעסט מיט דיינע אייגענע אויגן דאָס צוגעזאָגטע לאַנד! ווער וואָלט געגלויבט וואָס מען האָט געהערט?